**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/19/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

# גאווערנער האקול זעצט פאר ניו יארק'ס פירערשאפט אויף ראסישע גערעכטיגקייט, שרייבט אונטער געזעץ אוועקשטעלנדיג קאמיסיע צו שטודירן גוטמאכונג און ראסישע גערעכטיגקייט

***ביל S.1163-A/A.7691 שטעלט אוועק די ניו יארק סטעיט קאמיוניטי קאמיסיע אויף גוטמאכונג מאסנאמען און אנערקענט די פונדאמענטאלע אומגערעכטיגקייט און אוממענטשליכקייט פון קנעכטשאפט***

***קאמיסיע צו שטודירן די סיסטעם פון קנעכטשאפט, נאכפאלגנדע ראסיישע און עקאנאמישע דיסקרימינאציע קעגן מענטשן פון אפריקאנע אפשטאם און די השפעה אויף היינטיגע מענטשן פון אפריקאנע אפשטאם***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן א ביל צו פארזעצן ניו יארק'ס פירערשאפט אויף ראסישע גערעכטיגקייט דורכן אויפשטעלן א נייע קאמיסיע צו שטודירן גוטמאכונג און ראסישע גערעכטיגקייט. די קאמיסיע אנערקענט די שוידערליכע אומגערעכטיגקייט פון קנעכטשאפט, און עס וועט באאויפטראגט ווערן מיטן אויספארשן די היסטארישע השפעות פון קנעכטשאפט, די נאכפאלגנדע דיסקרימינאציע קעגן מענטשן פון אפריקאנע אפשטאם און די השפעה וואס די זאכן זעצן פאר צו האבן ביזן היינטיגן טאג.

"היינט זעצן מיר פאר מיט אונזערע באמיאונגען צו פאררעכטן די אומרעכטן פון די פארגאנגענהייט דורכן אנערקענען די ווייטאגליכע היסטאריע פון קנעכטשאפט אין ניו יארק", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר האבן א מאראלישע פליכט צו צוריקקוקן מיט אפענע אויגן אויף אלע חלקים פון אונזער מיטגעטיילטע היסטאריע אלס ניו יארקער, און די קאמיסיע צייכנט אפ א קריטישע טריט פאראויס אין די באמיאונגען."

**סטעיט סענאט מאיאריטעט פירערין ענדריע סטוערט-קאָזינס האט געזאגט,** "איך וויל באדאנקען גאווערנער קעטי האקול פארן ארייננשרייבן די טראנספארמאטיווע ביל אין געזעץ און פארן גיבן איר שטיצע צו העלפן ניו יארק אנהויבן אונזער פראצעדור פון עפענען די אויגן און צוריקקוקן אויף די פארגאנגענהייט. איך בין דאנקבאר פאר סענאטאר דזשעימס סענדערס פארן קעמפן פאר די צוועק, שטייענדיג געטריי צו פאזיטיווע טויש. אלס סענאט מאיאריטעט פירער, בין איך אויך שטאלץ צו האבן געארבעט מידלאזערהייט צו העלפן ווייזן די וועג פאר די היסטארישע ביל צו אריבערגעפירט ווערן אין די סטעיט סענאט. צוזאמען קען ניו יארק אויספארעמען א צוקונפט וואס איז געבויט אויף גערעכטיגקייט און גלייכקייט."

**אסעמבלי ספיקער, קארל ע. היעסטי, האט געזאגט,** "דער היינטיגער טאג צייכנט אפ א היסטארישע געשעעניש אין ניו יארקע היסטאריע. אפריקאנער אמעריקאנער האבן געליטן פון ראסישע, עקאנאמישע און אינסטיטוציאנאלע אומגערעכטיגקייטן וואס האבן געפלאגט אונזערע קאמיוניטיס פאר צענדליגע יארן

— א מציאות וואס מיר מוזן נאכאלץ אנערקענען. כאטש מיר זענען שוין אריבער א לאנגע וועג פון די סיסטעם פון קנעכטשאפט, דאך קענען די איבערבלייבענישן דערפון נאכאלץ דערשפירט ווערן און פאדערן טיפערע דענקען און טויש. מיט די אויפשטעלונג פון די ניו יארק סטעיט קאמיוניטי קאמיסיע אויף גוטמאכונג מאסנאמען, קענען מיר ברענגען לעגיסלאטיווע לייזונגען און פאליטישע סטרוקטורן וואס קענען האבן א לאנגיאריגע איינפלוס. א דאנק פאר גאווערנער האקול, סענאטאר סענדערס און אסעמבלי פרוי סאָלאַזש פאר זייער שווערע ארבעט ביים מאכן דעם היינטיגן טאג פאר א רעאליטעט. לאמרי פארזעצן צו רוקן ניו יארק אויף פאראויס."

ביל S.1163-A/A.7691 אנערקענט די באדייטנדע ראלע וואס די סיסטעם פון קנעכטשאפט האט געשפילט אין די אוועקשטעלונג און היסטאריע פון ניו יארק. די ביל שטעלט אויף די "קאמיוניטי קאמיסיע אויף גוטמאכונג מאסנאמען" (Community Commission on Reparations Remedies) וואס וועט באשטייען פון ניין מיטגלידער וועלכע זענען ספעציעל קוואליפיצירט צו זיצן אויף די קאמיסיע צוליב זייער מומחיות, בילדונג, טרענירונג אדער איבערגעלעבטע ערפארונג אין די פעלדער פון אפריקאנע אדער אמעריקאנע שטודיעס, די קרימינאלע לעגאלע סיסטעם, מענטשן רעכטן, ציווילע רעכטן, גוטמאכונג ארגאניזאציעס און אנדערע באטרעפנדע פעלדער.

בעפאר די אמעריקאנע רעוואלוציע זענען געווען מער פארשקלאפטע אפריקאנער אין ניו יארק סיטי ווי סיי וועלכע אנדערע שטאט חוץ פון טשארלסטאן אין סאוט קעראליינע, און די באפעלקערונג פון פארשקלאפטע אפריקאנער איז געווען 20 פראצענט פון ניו יארק'ס באפעלקערונג, בשעת 40 פראצענט פון קאלאניאלע ניו יארקע הויזגעזינדער האבן פארמאגט פארשקלאפטע אפריקאנער. דאס איז געווען אן אריינגעבויטע חלק פון די אנטוויקלונג פון ניו יארק סטעיט, און די קאנסעקווענצן פון די סיסטעם פון קנעכטשאפט – און דערנאך, די דיסקרימינאציע און סיסטעמאטישע ראסיזם וואס האבן געשטאמט פון די סיסטעם – קענען נאכאלץ געשעהן ווערן היינט.

**סטעיט סענאטאר דזשעימס סענדערס האט געזאגט,** "היינט פלאנצען מיר איין א קערנדל פון האפנונג, נישט בלויז פאר די סיטי אָוו ניו יארק און ניו יארק סטעיט, נאר פאר דעם גאנצן לאנד. ביל נומער S.1163A זאגט עדות איבער די מאכט פון עקשנות, פון אנטשיידענע שטימעס וואס פארלאנגען גערעכטיגקייט. זאל דאס זיין א לייכטורעם, א רוף פאר שריט פאר יעדע ווינקל פון דאס לאנד צו קאנפראנטירן זייערע אייגענע היסטאריעס, צו אנערקענען די אומגערעכטיגקייטן וואס פארבינדן אונז און צו ארבעטן צוזאמען אין ריכטונג פון א צוקונפט ווען גוטמאכונג איז בלויז א ווארט נאר אן עכטע מציאות פאר יעדן. איך וויל אויסדרוקן מיין טיפסטע הכרת הטוב פאר גאווערנער קעטי האקול פארן אריינשרייבן די היסטארישע ביל אין געזעץ. דאס איז א היסטארישע טריט פאראויס אין אונזער קאמף פאר ראסישע גערעכטיגקייט, און עס וואלט נישט מעגליך געווען אן די גאווערנער'ס קוראזש און איבערגעגעבנקייט. ביל נומער S.1163A איז נישט די ענדע נאר א טויער פון וואו מען הויבט אן. די גוטמאכונג קאמיסיע וואס עס שטעלט אוועק איז א כלי פאר די אמת, א פלאטפארמע פאר שטימעס וואס זענען דערשטילט געווארן פאר צו לאנג. די געפינסן וועלן נישט זיין גרינג, אבער זיי וועלן זיין נויטיג. זיי וועלן אונז ווייזן די וועג צו גוטמאכונג, נישט בלויז פאר די פארגאנגענהייט נאר אויך פאר די צוקונפט, בויענדיג א מסורה פון גערעכטיגקייט וואו יעדעס קינד, אפגעזעהן פון זייער אפשטאם, קען טרוימען פריי פון די קייטן פון היסטארישע אומגערעכטיגקייטן. איך גלויב אז גוטמאכונגען זענען וועזנטליך צו קענען עררייכן אמת'ע ראסישע גערעכטיגקייט אין אונזער לאנד. מיר מוזן אנערקענען און אדרעסירן די שאדנס פון די פארגאנגענהייט כדי צו שאפן א מער גערעכטע און גלייכע צוקונפט פאר יעדן."

**אסעמבלי מיטגלידערין מיקאַעל סי. סאָלאַזש האט געזאגט,** "מיטן אנערקענען ניו יארק'ס היסטאריע, טוהען מיר קאנפראנטירן די הויכע קאסט פון ראסישע אומגערעכטיגקייטן. דורך דעם וואס גאווערנער האקול שרייבט אריין די גוטמאכונג מאסנאמען קאמיסיע אין קראפט, וועט ניו יארק סטעיט באפולמעכטיגן קאמיוניטיס צו אקטיווערהייט זיך באטייליגן אין דאס אויספארעמען די וועזנטליכע וועג

אויף פאראויס אין ריכטונג פון אחדות און היילונג. גוטמאכונגען גיסן די יסודות פאר א צוקונפט וואו אלע ניו יארקער קענען בליהען און מצליח זיין. איך לויב אויס די לעגיסלאטור, די גאווערנער און שתדלנים פאר זייערע צוזאמענארבעטנדע באמיאונגען, איך בין שטאלץ צו האבן געספּאנסאַרט די ביל, און איך קען נישט ווארטן צו פארזעצן זיך צו פאראויס רוקן צוזאמען ביים אויספארעמען אונזער מיטגעטיילטע צוקונפט."

**פרעזידענט פון די NAACP ניו יארק סטעיט קאנפערענץ, דר. העיזעל נ. דיוּקס, האט געזאגט,** "מיט די אוועקשטעלונג פון די קאמיסיע, וועט דאס אונז גיבן די טשאנס פאר אן איבערבליק און קוקן אויף די היסטאריע פון אפריקאנער אמעריקאנער אין ניו יארק סטעיט. און ווען די באריכט איז פארטיג, וועט דאס אונז גיבן די נויטיגע כלים – וואו מיר זאלן גיין פאר עקאנאמישע וואוקס, פאר העלט קעיר פון א הויכע קוואליטעט, גערעכטיגקייט אין בילדונג, דזשאב טרענירונג, דזשאב שאפונג, האוזינג – און נאך פיל מער זאכן. דאס איז א גרויסער טאג פאר ניו יארק סטעיט זיך רוקנדיג אין די ריכטיגע ריכטונג פון ארייננעמונג פאר אלע מענטשן. א דאנק פאר די גאווערנער און אונזער לעגיסלאטור'ס פירער פארן אונטערנעמען די געוואלדיגע טריט."

די קאמיסיע איז באאויפטראגט מיטן אויספארשן די היסטאריע פון קנעכטשאפט און די נעגאטיווע השפעות וואס עס האט נאך ביז היינט אויף מענטשן וואס וואוינען היינט אין ניו יארק סטעיט, מיט די ציהל פון ארויסגעבן א באריכט וואס באשטייט פון רעקאמענדאציעס פאר פאסיגע שריט צו אדרעסירן די לאנגיאריגע אומגלייכקייטן. די געשריבענע באריכט פון געפינסן און רעקאמענדאציעס מוז ארייגעגעבן ווערן צו די צייטווייליגע פרעזידענט פון די סענאט, דעם ספּיקער פון די אסעמבלי, די מינאריטעט פירער פון די סענאט און אסעמבלי און פאר די גאווערנער פון ניו יארק סטעיט, נישט שפעטער פון איין יאר נאך די דאטום פון די ערשטע זיצונג פון די קאמיסיע.

**FPWA'ס CEO און פארזיצערין פון די NYC ראסישע גערעכטיגקייט קאמיסיע (2021-2022), דזשעניפער דזשאָונס אוסטין, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס אונטערשרייבונג פון ביל S.1163-A/A.7691 שטעלט ארויף ניו יארק סטעיט אויף די קלארע און פרעצעדענטלאזע רעלסן צו פאררעכטן די שוידערליכע אומרעכטן פון קנעכטשאפט אין ניו יארק סטעיט און די שאדנס וואס זענען אנגעגאנגען פאר אלע די יארן זינט דאן. ניו יארק'ס באטייליגונג אין די קנעכטשאפט מארקעט האט איבערגעלאזט נישט נאר סימנים נאר אפענע וואונדן אויף מענטשן און קאמיוניטיס פון אפריקאנע אפשטאם וואס דארפן נאך געהיילט ווערן צוליב קנעכטשאפט און די רעזולטירנדע סטרוקטורישע און סיסטעמאטישע ראסיזם. די ביל, וואס שטעלט אויף א קאמיסיע צו אויספארשן די אומגערעכטיגקייטן און אויספלאסטערן א וועג פאראויס, פלאסטערט אויס די וועג פאר גוטמאכונג פאר אונזער סטעיט און פאטענציאל פאר דעם גאנצן לאנד. א דאנק אייך, גאווערנער האקול, פאר אייער פעלזן-פעסטע און אנטשיידענע פארפליכטונג צו ראסישע גערעכטיגקייט."

**גרונדנדער דירעקטאר פון Racial Justice Initiatives (ראסישע גערעכטיגקייט אינציאטיוון) ביי די סעינט טאמאס אוניווערסיטעט (מינעסאָוטע), דר. יאָוהוּרוּ וויליאמס, האט געזאגט,** "איך לויב אויס ניו יארק סטעיט פאר איר דרייסטע און לויבווירדיגע טריט אין ריכטונג פון אדרעסירן היסטארישע אומרעכטן דורכן אוועקשטעלן די נייע קאמיסיע. האבנדיג געווען שטארק פארמישט אין ענליכע אינציאטיוון אין סעינט פּאול, מינעסאָוטע, זעצט וויליאמס פאר, אנערקען איך די באדייט פון אנערקענען און פאררעכטן די טיפע השפעה פון היסטארישע אומגערעכטיגקייטן און די שווערע אבער וויכטיגע ארבעט וואס שטייט פאר ניו יארק. אין דעם קריטישן מאמענט, באצייכנט דורך א פארמערטע אויפמערקזאמקייט איבער סיסטעמישע ראסיזם, שטרייכט די איבערגעגעבנקייט פון סטעיטס ווי ניו יארק און פון דורכגעטראכטע פירער ווי גאווערנער קעטי האקול זיך צו ארויסלאזן אויפן וועג מיט די קריטישע ארבעט פון גוטמאכונגען אונטער א מיטגעטיילטע פאראנטווארטליכקייט צו קאנפראנטירן אונזער לאנד'ס פארגאנגענהייט. עס איז מיט אזעלכע באמיאונגען וואס מיר פלאסטערן אויס די וועג צו היילונג,

גערעכטיגקייט און א מער גליכיע צוקונפט, ווידערהאלנדיג אונזער געמיינזאמע איבערגעגעבנקייט צו צונעמען די איבערבלייבנדע השפעות פון אריינגעבויטע ראסיזם."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן